בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

חַג הַפֶּסַח (1)

תשפ״ד

343-1

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

לָאזְן דֶעם מַאן עֶסְן גֶעקוֹיפְטֶע זַאכְן אוּם פֶּסַח?..............................................א

שִׁיקְן אִין אַ מוֹסָד וָואס אִיז מֶער עֶרְלִיךְ אָבֶער מֶער שְׁוֶוער?......................ג

דַארְף אִיךְ זִיךְ זָארְגְן אַז מַיין מַאן אַרְבֶעט מִיט פְּרוֹיעֶן?......................ו

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶעדַאטֶעוֶועט פוּן לָשׁוֹן הָרָע?......................ז

וָואס טוּט מֶען אַז דִי וַוייבּ ווִיל עֶסְן פֶּסַח אַלֶעס פוּן גֶעשֶׁעפְט?......................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף......................א

צוּם עֶרְשְׁט כַּשֶׁרְ'ן דֶעם טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, אוּן קָאמְפְּיוּטֶער......................ב

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה......................ג

וִוי אַזוֹי פַּאסִירְט אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ?......................ג

קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ קִינְד אַ כִּתָּה......................ה

זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מוֹסָד, נִישְׁט הֶעצְן......................ה

זַיי נִישְׁט קַארְג, גֶעבּ נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער......................ו

אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זַיי גֶעבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר......................ו

'עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם', אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת......................ז

דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים סֵדֶר, אוּן דִי לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......................ח

בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ זָאל מֶען טְרַאכְטְן נָאר פְרֵיילִיכֶע זַאכְן......................ט

וָואס הָאט דִי כְּזַיִת מָרוֹר מִיט פַּרְנָסָה?......................ט

פֶּסַח אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים......................י

זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט אַלֶע אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.........................................יא

פֶּסַח בַּיי "וַנִּצְעַק אֶל ה'", זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................יב

פֶּסַח בַּיים סֵדֶר זָאלְן עֶנְק בֵּיידֶע בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער......................................יב

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ פַארְלִירְט זִיךְ מִיט נֶערְוֶועזְקֵייט?........................יג

מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע פְּלֶעקְן.................................................טז

אִין זְכוּת פוּן נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, וֶועט עֶס זַיין גֶעזוּנְט..............................יז

בַּיי דִי בַּר מִצְוָה וֶוערְט מֶען וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן..................................................יז

מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְץ וָואס זֵיי טוּעֶן......................יט

דִי טָאכְטֶער וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן פִּירְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין.........................יט

עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי חִלּוּל שַׁבָּת, דַארְפְסְטוּ טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט.................כא

אוֹיבּ דִי מִנְהָגִים שְׁטֶערְן פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.......................................................כב

קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן מִיט מָרוֹד דִמְרִידוֹת, לוֹיפְן זֵיי אַוֶועק.........................כג

זָאגְן הַלֵּל הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל..............................................................................כג

זַיי מַקְפִּיד יֶעדְן טָאג צוּ טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט דִי קִינְדֶער........................כד

אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מִצְוַת פַאר הַכָּרַת הַטּוֹב.............................כה

זָאג אַ מִשְׁנָה נָאךְ אַ מִשְׁנָה, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן.................................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## לָאזְן דֶעם מַאן עֶסְן גֶעקוֹיפְטֶע זַאכְן אוּם פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ הַנָאָה פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר בַּאזוּנְדֶער, אוּן אִיךְ נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע שִׁיעוּר.

וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן פְלֶעגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן בַּיי אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אוּם פֶּסַח, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן יָא עֶסְן קִיכְלֶעךְ אוּן נַאשׁ פוּן גֶעשֶׁעפְט, אָבֶער פוּן נָאךְ דִי בַּר/בַּת מִצְוָה - הָאט מֶען עֶס מֶער נִישְׁט גֶעגֶעסְן, נָאר הֵיימִישֶׁע פֶּסַח'דִיגֶע קֶעיקְס אוּן קוּקִיס וָואס מַיין מַאמֶע הָאט גֶעמַאכְט. בַּיי מַיין מַאנְ'ס מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, זֵיי עֶסְן אוֹיךְ נִישְׁט פֶּסַח קַיין פַארְטִיגֶע עֶסְן פוּן גֶעשֶׁעפְט, אָבֶער זֵיי עֶסְן יָא קֶעז, קֶעטְשָׁאפּ, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַלְס יוּנְגֶע קָאפְּל הָאבְן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט צוּפִיל אוֹיסְוַואלְן, מִיר עֶסְן דָאךְ בַּיי דִי עֶלְטֶערְן וָואס מֶען גֶעבְּט דָארְט, אָבֶער יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דַארְפְן מִיר אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי אֵייגֶענֶע אוֹיסְשְׁטֶעל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אוֹיף פֶּסַח.

לֶעצְטֶע יָאר הָאט מַיין מַאן גֶעגֶעסְן בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים פֶּסַח גֶעקוֹיפְטֶע קוּקִיס אוּן פְּאטֶעטָא טְשִׁיפְּס אוּן דָאס גְלַייכְן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ אִים אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, כָאטְשׁ וָואס עֶס הָאט מִיר גֶעבַּאדֶערְט. וָואס זָאל אִיךְ טוּן דָאס יָאר? זָאל אִיךְ נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶר עֶסְט, אָבֶער פַאר מִיר זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַקְפִּיד זַיין וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ אִים אוּן אִיךְ זָאל אוֹיךְ

עֶסְן וָואס עֶר עֶסְט? אוֹיב וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְכַאפְּן אַז טַאטִי אוּן מַאמִי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ, קֶען דָאס זַיין אַ פְּרָאבְּלֶעם? אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָארְשְׁטֶעלְן.

אַגַב, מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע מַאגַאזִינֶען, אוּן אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף דִי "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס שֶׁעצְט אִיר מַאן אוּן קוּקְט אִים אַרוֹיף, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יַלְקוּט שׁוֹפְטִים פֶּרֶק ד, רמז מב) דְּבוֹרָה הַנְּבִיאָה הָאט גֶעהַאט אַ מַאן אַן עַם הָאָרֶץ, אוּן מִיט אִיר עֶרְלִיכְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט הָאט זִי אִים גֶעשֶׁעצְט אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ אִידֶענֶע וָואס אִיז מֶער וֵוייניגֶער אֵיינִיג מִיט אִיר מַאן דֶער עַם הָאָרֶץ, מֶען רֶעדְט פוּן אַ פְרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, צוּ נְבוּאָה, צוּ זַיין אַ שׁוֹפֶטֶת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זִי הָאט אִים נִישְׁט אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, נָאר גֶעשֶׁעצְט אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם), זִי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ מַאכְן קְנוֹיטְן פַארְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?" אָבֶער דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קְנוֹיטְן אוּן דוּ וֶועסְט עֶס טְרָאגְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"; אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט מִיט אִים, זִי הָאט זִיךְ גֶערוּפְן מִיט זַיין נָאמֶען "דְּבוֹרָה אֵשֶׁת לַפִּידוֹת", דִי וַוייבּ פוּנֶעם מַאן וָואס בְּרֶענְגְט דִי קְנוֹיטְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אִירֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "מַה טִּיבָהּ שֶׁל דְּבוֹרָה שֶׁהִיא שׁוֹפֶטֶת אֶת יִשְׂרָאֵל בְּעֵת הַהִיא וּמִתְנַבְּאָה

עֲלֵיהֶם״, פַארְוָואס הָאט דְבוֹרָה זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת? זָאגְט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא: ״מֵעִיד אֲנִי עָלַי אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ״, אִיךְ נֶעם אוֹיף עֵדוּת דִי הִימְל אוּן דִי עֶרְד, ״בֵּין יִשְׂרָאֵל בֵּין גוֹי, בֵּין אִישׁ בֵּין אִשָּׁה, בֵּין עֶבֶד וּבֵין שִׁפְחָה, הַכֹּל לְפִי מַעֲשֶׂה שֶׁהוּא עוֹשֶׂה, כַּךְ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ שׁוֹרָה עָלָיו״, סַיי אַ אִיד, סַיי אַ גוֹי, סַיי אַ מַאן, סַיי אַ פְרוֹי, אֲפִילוּ אַ קְנֶעכְט, יֶעדֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוֹיב מֶען טוּט גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיבַּאלְד זִי הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אִיר מַאן, זִי הָאט אִים גֶעשֶׁעצְט אוּן אִים אַרוֹיפְגֶעקוּקְט - הָאט זִי זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ דֶעם, עַיֵין שָׁם.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר שֶׁעצְן אַייעֶר מַאן, אוּן נִישְׁט זַיין דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ מֶער פוּן אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁיקְן אִין אַ מוֹסָד וָואס אִיז מֶער עֶרְלִיךְ אָבֶּער מֶער שְׁוֶוער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקְן פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט אוֹיף אִין הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ ווַייטֶער אַזוֹי אָנְצוּגֵיין רוּאִיגֶערְהֵייט עַד מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה.

מַיינֶע טֶעכְטֶער, דְרֵיי אוּן פִינְף יָאר, לֶערְנֶען אִין אַ הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער-גַארְטְן וָואס בַּאלַאנְגְט צוּ דִי קְהִלָּה וואוּ מִיר וואוֹינֶען, אָבֶּער עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַבִּיסְל ווַייט פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּב, בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט צוּ גֵיין צוּפִיס, דָאס מֵיינְט אַז נָאר אִיךְ מִיט מַיין קַאר קֶען זֵיי טְרָאגְן אוּן אָפְנֶעמֶען, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם אוּן דָאס בַּאגְרֶענִיצְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק, סְפֶּעצִיעֶל אַז מַיין ווַייבּ טָאר נִישְׁט דְרֵייוְון לוֹיט דִי תַּקָנוֹת פוּן דִי קְהִילָּה.

מַמָשׁ נָאנְט צוּ אוּנְז אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער-גַארְטְן, וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ דִי קְהִילָה, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ אַ פְרוּמֶע קִינְדֶער-גַארְטְן, "דָתִי תּוֹרָנִי", אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ

בַּאזוּנְדֶער, און די סִיבָּה פַארְוָואס מִיר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דָארְטְן אִיז וַוייל אִין די קִינְדֶער-גַארְטְן רֶעדְט מֶען אוֹיף עִבְרִית, און די הֵיימִישֶׁע קִינְדֶער-גַארְטְן אִיז אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר וִויכְטִיג.

מַיין וַוייבּ הָאט לְכַתְּחִילָה זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שִׁיקְן צוּ די גַן נֶעבְּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, און זִי וִויל נָאכְאַלְץ. די סִיבָּה אִיז וַוייל עֶס שְׁטֶערְט אִיר זֵייעֶר אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ אוֹיס מִיט אִיר תְּנָאִים וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן, אַזַא שֵׁייטְל, אַזַא טֶעלֶעפָאן, דְרֵייוִון וְכוּ', און יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמְט די רֶעגִיסְטְרַאצְיֶע מַאכְט מֶען אוּנְז נָאכְאַמָאל פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען דַארְף טוּישְׁן דָאס, מֶען דַארְף טוּישְׁן יֶענְץ, מֶען דַארְף זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען, מֶען דַארְף צוּזָאגְן וְכוּ'. און מַיין וַוייבּ גֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, נָארְמַאל. אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִיר וֶוען זִי שְׁפִּירְט וִוי מֶען קָאנְטְרָאלִירְט אִיר, און בַּיי יֶעדֶע רֶעגִיסְטְרַאצְיֶע קוּמְט עֶס נָאכְאַמָאל אַרוֹיף אוֹיפְן טִישׁ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ זֵיי אַיינְשְׁרַייבְּן צוּ די שְׁטָאטִישֶׁע קִינְדֶער-גַארְטְן נֶעבְּן שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז פְרוּם און תּוֹרָה'דִיג, אָבֶּער אוֹיף עִבְרִית? אָדֶער לָאזְן אִין די הֵיימִישֶׁע גַן, וָואס דָארְטְן אִיז אוֹיף אִידִישׁ? אוֹיךְ טְרַאכְט אִיךְ וֶועגְן די פַאקְט אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט דָארְטְן און זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶרֶע חַבֶר'טֶעס, וִוי שְׁטַארְק קֶען עֶס זֵיי אַפֶעקְטִירְן צוּ טוּישְׁן קִינְדֶער-גַארְטְן?

עֶס וֶועט מִיר הֶעלְפְן זֵייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער וִוי שְׁנֶעלֶער, וַוייל די רֶעגִיסְטְרַאצְיֶע פַארְמַאכְט זִיךְ שׁוֹין בַּאלְד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זִיכֶער זָאלְסְטוּ שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, אֲפִילוּ עֶס אִיז וַוייט פוּן שְׁטוּבּ און מֶען דַארְף פָארְן, און אֲפִילוּ מֶען צוּמְט דִיר אַיין מִיט תַּקָנוֹת.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק תַּקָנוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, די מוֹסְדוֹת וָואס שְׁטֶעלְן אַוֶועק תַּקָנוֹת וִוי

צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אוּן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן - אִיז נִישְׁט ווַייל מֶען ווִיל אַיינְטֵיילְן דִי עֶלְטֶערְן ווִי צוּ לֶעבְּן, זֵיי ווִילְן דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער; זֵיי ווִילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ צוּטְרִיט צוּ נִישְׁט גוּטֶע כֵּלִים, זֵיי ווִילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אַוֶועק פוּן דֶעם גוֹי וְכוּ' וְכוּ'.

פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס אִיז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פַאר דִי קִינְדֶער, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר זֵיי, ווַייל תְּפִלָּה פוּן עֶלְטֶערְן אִיז דֶער עִיקָר וָואס פֶּעלְט אוֹיס. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? ווַייל יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער".

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער; זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, "מַה הָיָה עוֹשֶׂה, בְּכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מַכְנִיסָן לְבֵית פְּנִימִי, וְיָשַׁב וּמְשַׁמְּרָן בְּבֵית הַחִיצוֹן, וּמִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר כְּדֵי שֶׁלֹּא יְהֵא אֶחָד מֵהֶן בָּא לִידֵי עֲבֵרָה וְלִידֵי דָּבָר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט זֵיי גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן עֶר פְלֶעגְט זַיין אִינְדְרוֹיסְן אוּן ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר - פַארְצֵיילְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - בִּיז דֶער כֹּהֵן אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער מְשַׁמֵּשׁ זַיין אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַלֶע זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים; אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק

וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב וְגוֹ'"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ ווִיל מֶען הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דַארְף אִיךְ זִיךְ זָארְגְן אַז מַיין מַאן אַרְבֶּעט מִיט פְרוֹיעֶן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי טַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ אוּן הֶעלְפְן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

בַּיי מַיין מַאנְ'ס אַרְבֶּעט אִיז אוֹיךְ דָא פְרוֹיעֶן, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְן הַארְץ, אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז אֶפְשַׁר קוּקְט עֶר אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אֶפְשַׁר דַארְף עֶר מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן, אֶפְשַׁר אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט מִיר. אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז נָאר מַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, אָדֶער אִיז דָאס אֱמֶתְ'עֶ חֲשָׁדוֹת.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט מְצַעֵר זַיין מַיין מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אוּן גוּט צוּ מִיר, עֶר אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְכַבֵּד, עֶר הֶעלְפְט אַסַאךְ, אָבֶּער נָאכְאַלְץ דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי מִיר אִין מֹחַ אַסַאךְ חֲשָׁדוֹת אוֹיף אִים; וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיו.

חוֹשֵׁד זַיין דֶעם מַאן טָאג אוּן נַאכְט אַז עֶר קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע וְכוּ' - אִיז אַ מַחֲלָה וָואס קֶען חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן. דִי פְרוֹיעֶן וָואס קְלֶערְן אַ גַאנְצְן צַייט אוֹיפְן מַאן שְׁלֶעכְט, אַז עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ דִי וַוייבּ אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע אוּן טוּט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן אַמָאל

זֶענֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים דָאס צוּ הֵיילְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט, וַוייל אַייעֶר שְׁטוּב קֶען חָרוּב וֶוערְן. טְרַאכְטְס נָאר גוּטְס אוֹיף אַייעֶר מַאן, וַוייל וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט טְרַאכְטְן אוֹיף אִים - אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין, אַז אִיר וֶועט טְרַאכְטְן עֶר אִיז עֶרְלִיךְ - וֶועט עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַז אִיר וֶועט אִים נָאכְקוּקְן וֶועט נִישְׁט זַיין גוּט - נִישְׁט פַאר אִים אוּן נִישְׁט פַאר אַייךְ.

עֶס אִיז דָא אַ סוֹד וָואס מִיט דֶעם סוֹד קֶען אַ פְרוֹי טוֹישְׁן דֶעם מַאן פוּן שְׁלֶעכְט צוּ גוּט, פוּן נִישְׁט עֶרְלִיךְ צוּ עֶרְלִיךְ, אוּן פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם; דֶער סוֹד אִיז 'שֶׁעצְן אוּן גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל', אִים מַאכְן פַאר דֶער וָוארְטְזָאגֶער, אַ פְרוֹי מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אִיר מַאן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער קְלוּגְשַׁאפְט וִוי פַאר אַ מַאן.

וְעַל כּוּלָם בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט - זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן לָשׁוֹן הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּ"חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּם צוּ זַיין נָאכְאַמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן דָא אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ

שְׁפִּיר אָבֶער מַמָּשׁ ווִי דֶער ס"ם פַארְגִינְט מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ קוּם אִין שׁוּל אוּן דֶער רֶעדְט אוֹיף יֶענֶעם אוּן דָא קוּמְט אֵיינֶער 'נָאר' זָאגְן אוֹיף אִים... אוֹיךְ אִיז דָא אַסַאךְ מָאל ווָאס אֵיינֶער קוּמְט נָאר זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי יֶענֶער הָאט אוֹיף מִיר גֶעזָאגְט אַזוֹי...

אִיךְ הָאב אַזוֹי לִיבּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ ווִיל ווַייטֶער לִיבּ הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווָאס אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַוֶועקְצוּגֵיין אָדֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַזֶעלְכֶע שְׁמוּעֶסְן אָבֶער מִיט אֵיין ווָארְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט ווֶערְן פוּן דֶעם?

שְׁכֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז מִיר אַזוֹי גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע – אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָּרוֹן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיז דָאס מַיין פְּרָאבְּלֶעם; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, ווַייל וֶוען אִיךְ ווָאלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען - ווָאלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם״.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז ווָאס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, אַז מֶען קוּמְט צוּ דִיר רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע - אִיז דָאס דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער ווָאס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (נְגָעִים ב, ה): ״כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה, חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ״, טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, ״כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ״, אַלֶע פֶּעלֶערְס ווָאס אַ מֶענְטְשׁ זֶעט בַּיי אַ צְוֵוייטְן, ״זֶה נִמְשָׁךְ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ״, דָאס אִיז זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין ע:): ״כָּל

הַפּוֹסֵל פָּסוּל", דֶער וָואס רֶעדְט אוֹיף אַנְדֶערֶע - רֶעדְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה, וֶוען מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן ב', סְעִיף ב): "כָּל הַפּוֹסֵל בְּמוּמוֹ פּוֹסֵל", אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם בַּארֶעדְן אַנְדֶערֶע - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים.

וֶוער הָאט צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, וֶוער אִיז שׁוֹין פֶּערְטִיג מִיט זִיךְ אַלֵיין? לָאז דִיךְ אָפּ פוּן לָשׁוֹן הָרָע, אַ שָׁאד אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים פַארְן וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר - פַארְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע; צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן אִין דַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת. טוּ תְּשׁוּבָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע מוֹיל מִיט רֵיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, שְׁרֵיי אוֹיס דִי גֶעדֶעכְטֶע בְּלוּט, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, פַארְוָואס זוּךְ אִיךְ יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת? וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז מֶען קוּמְט רֶעדְן צוּ מִיר פוּן אַנְדֶערֶע - אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט דִי זַאכְן, וַוייל צוּ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן קוּמְט מֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע, בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן עָלְמָא דְאָתֵי, אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת וָואס דָארְט וֶועל אִיךְ דַארְפְן אָנְקוּמֶען, מֶען וֶועט מִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין גְרוּבּ אָן מַיין רְשׁוּת, אוּן מִיךְ צוּדֶעקְן מִיט עֶרְד; אִיז פַארְוָואס בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע? הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועט מֶען זַיין אַ גּוֹסֵס, מֶען וֶועט מוּזְן צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּ דִיר, אִיז וָואס בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף יֶענֶעם, וָואס בִּין אִיךְ מְקַבֵּל לָשׁוֹן הָרָע?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, גֶעבּ מִיר פוּן דִי יַיִן הַמְּשֻׁמָּר, פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, פוּן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): 'אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד', דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם

**רֶבִּי'ן מִיט אַזוֹיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ כְּדֵי צוּ זַיין אַ אִיד, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זֶען אִין יֶעדְן אִיד נָאר גוּטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן אִיךְ זָאל קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין״.**

**אַזוֹי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר רֶעדְן פוּן אַ דְרִיטְן זָאלְסְטוּ יֶענֶעם אָנְכַאפְּן אוּן גֵיין אַ טֶענְצְל: ״אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״, מַאךְ יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, ווייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי וָואס בַּארֶעדְן דֶעם אוּן יֶענֶעם - זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעלוּנְגֶען, זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁטֵייעֶרְס, אָבֶּער וֶוער עֶס וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וֵוייסְט אַז דִי וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען פִירְן דִי וֶועלְט - דִי זֶענֶען בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה, זָאלְסְטוּ יֶענֶעם נֶעמֶען אִין אַ טֶענְצְל, בִּיז עֶנְק וֶועלְן פְרֵיילִיךְ וֶוערְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**וָואס טוּט מֶען אַז דִי וַוייבּ ווִיל עֶסְן פֶּסַח אַלֶעס פוּן גֶעשֶׁעפְט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן גֶעבְּן מִיר דֶעם וֶועג אִין לֶעבְּן.

בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז פֶּסַח עֶסְט מֶען דָארְט אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט אַ הֶכְשֵׁר אוֹיף פֶּסַח. מַיין וַוייבּ אִיז צוּגֶעוואוֹינְט פוּן אַלְס קִינְד אַז מֶען קֶען מַמָּשׁ אַלֶעס עֶסְן פֶּסַח, אָבֶּער אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ שְׁטוּב וָואס מֶען הָאט יָא אַבְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶעס, אוּן פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע צוּ עֶסְן נָאר וָואס מֶען הָאט אַלֵיין גֶעמַאכְט אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַיינְפִירְן בַּיי מִיר אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס, עֶס זָאל זַיין גְבוּלִים וָואס מִיר עֶסְן יָא אוּן וָואס נִישְׁט - אוּם פֶּסַח, אָבֶּער מַיין וַוייבּ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט

אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דֶעם, זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן דֶעם, אוֹיבּ עֶס שְׁטֵייט דֶערוֹיף "כָּשֵׁר לְפֶּסַח" אִיז עֶס גוּט; ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל זָאגְט (הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): ״הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה״, וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט זִינְדִיגְן; פְרֶעגְן אַלֶע, ווִי קֶען זַיין אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אִין פֶּסַח, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז גֶעוָוארֶענְט אִין אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ - אוּן מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט פְּשַׁט, דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט אַז וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח ׳אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ אוּן הָאט חַיּוּת פוּן דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ׳ - אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער אֲרִיזַ״ל אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרֵיינְלֵייגְן חוּמְרוֹת אִין דִי נְקוּדָה, טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיי אַ מַחְמִיר אִין שִׂמְחָה, גֵיי לְחוּמְרָא, דָאס מֵיינְט אֲפִילוּ עַל פִּי שֵׂכֶל קוּמְט נִישְׁט יֶעצְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - זָאלְסְט מַחְמִיר זַיין אוּן יָא זַיין פְרֵיילִיךְ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת מֶער ווִי אוֹיף אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג, נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען רֵיינֶע מוֹחִין״. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, הָאבְּן אִים חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבְּ׳ס טִיכְל. דָאס אִיז גֶעוֶוען ווערְד אַסַאךְ גֶעלְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַרַיינְגֶענֵייט אִין זִיךְ שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וְכוּ׳, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט

צוּ פָאְרן צוּם רֶבִּי׳ן. אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס טוּן – וֶועט דָאס עֶרְגֶער מַאכְן דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲבֵרִים. שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דִי חֲבֵרִים, עֶר הָאט נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן זַיין וַוייבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ וֶועְן פַארְקוֹיפְט אִיר טִיכְל וָואלְט גֶעוֶוען נָאכְדֶעם אַ גֶט – וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי׳ן"; וַוייל דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, אוּן דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ג אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וואוּיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; וואוּ וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, וִוי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָנֶעם רֶבִּי׳ן, וִוי וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אָן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת.

הַיינְט אִיז מַיין זֵיידֶע׳ס יָארְצַייט, הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק יְחֶזְקֵאל בֶּן יִצְחָק אַיְיזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. מַיין זֵיידֶע הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען קַיין אוּמַאן אַלְס בָּחוּר אוּן גֶעזָאגְט מִיט מִיר דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מִיט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת, מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר אַלְץ מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, וֶוער נִישְׁט מְיוּאָשׁ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, גֵיי אִין אַ וִוינְקֶל אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וֵויין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים בְּנוֹגֵעַ דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט בַּאפְרֵייט פוּן תְּפִיסָה, וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דוּ טְרָאגְסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט פוּנְט וֵוייניגֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען יֶעצְט וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי פְּרוּיֶען אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן דִי חָמֵץ - צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, פִיר זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, פִיר זִיךְ עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צוּם עֶרְשְׁט כַּשֶׁר'ן דֶעם טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, אוּן קָאמְפְּיוּטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרֶענְג אַרַיין דִי פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט זוּכְן מֶער אוּן מֶער חוּמְרוֹת - זוּךְ מֶער אוּן מֶער שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא', דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וֶוען דוּ גֵייסְט כַּשֶׁר'ן דַיין קָאךְ, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם כַּשֶׁר'ן דַיין טֶעלֶעפָאן, כַּשֵׁר דַיין טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן קַיין נִיאוּף; גֵיי אַוֶועק פוּן פַּרְעֹה, קוּם אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, הַיינְט זָאגְן אַלֶע יוֹם כִּיפּוּר קָטָן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע צָרוֹת הַיֵּצֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, סַיי אוֹיף בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן סַיי אוֹיף בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּב, אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֵויי טוּן אָדֶער טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ.

אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אוּן מִיט מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי פַּאסִירְט אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי בְּשַׁעְתְ'ן לֶערְנֶען, פְּלוּצְלוּנְג שְׁפִּיר אִיךְ ווִי דֶער גַאנְצֶער בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה שָׁאקְלְט זִיךְ, דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר סֶעקוּנְדֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס קֶען דָאס זַיין?' בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ.

דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן "פוּן וָואס קוּמְט אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ?" הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי דִי גְמָרָא אִין בְּרָכוֹת. דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ אוּן רַב קְטִינָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים פוּן וָואס דִי עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ פַּאסִירְט, "בְּשָׁעָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זוֹכֵר אֶת בָּנָיו שֶׁשְּׁרוּיִים

בְּצַעַר בֵּין אוּמוֹת הָעוֹלָם, מוֹרִיד שְׁתֵּי דְּמָעוֹת לְיַם הַגָּדוֹל וְקוֹלוֹ נִשְׁמַע מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ" (בְּרָכוֹת נט.), וָוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דִי טְרֶערְן טְרָאפְּן אִינֶעם יָם הַגָּדוֹל, אוּן פוּן דֶעם פַּאסִירְט דִי עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוִויזְן פַאר דִי בָּחוּרִים, דִי יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט, הֲלָכָה ב): "מִפְּנֵי הַמַּחֲלֹקֶת", עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ קוּמְט פוּן מַחֲלֹקֶת, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט פוּנֶעם עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן שְׁמוּעֶסְן בַּיי דִי סְעוּדָה מִיט דִי מִשְׁפָּחָה ווִי אַזוֹי עֶס פַּאסִירְט אַן עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, וָוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵויינְט פַאר דִי צָרוֹת פוּן דִי אִידְן. עֶס אִיז אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרַיין צוּ לֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי נֵייעֶס, אַלֶע אוֹיעֶרְן זֶענֶען אָפְן, אַלֶע וַוארְטְן צוּ הֶערְן וָואס גֵייט פָאר, וָואס פַּאסִירְט, ווִי אַזוֹי עֶס פַּאסִירְט; פְּרֶעדִיגְן אֱמוּנָה, אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי אִידִישֶׁע נֵייעֶס וָואס רֶעדְן פוּן טֶבַע מִקְרֶה מַזָּל, זֵיי גֶעבְּן אִיבֶּער דִי נֵייעֶס אִין אִידִישׁ אָן מַזְכִּיר זַיין שֵׁם הַשֵּׁם, צֶענְדְלִיגֶער אִינְטֶערְוְויוּס פוּנֶעם עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ, אַלֶעס אִינֶעם טֶבַע, כְּאִילוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בַּעַל הַבַּיִת. קוּק אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס זָאגְן אוּנְז ווִי אַזוֹי עֶס פַּאסִירְן דִי זַאכְן, נָאר אוּנְז אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, קוּק אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג', מְחִיגֶר) דִי עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ קוּמְט אַז דִי בּוֹים זָאל וֶוערְן אָנְגֶעטְרִינְקֶען, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דִי קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ קִינְד אַ כִּתָּה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס דַארְף זַיין גֶענוּג צוּ וָוארֶענֶען אַ קִינְד אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג - וֶועט מֶען אִים דַארְפְן אַרָאפְּלֵייגְן אַ כִּתָּה, אָבֶּער נִישְׁט טוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה; עֶס קֶען אַרָאפְּקְלַאפְּן דֶעם קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן עֶס וֶועט זַיין יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ; מֶען וֶועט טַאקֶע אוֹיפְטוּן אוֹיף דִי מִינוּט - אָבֶּער מֶען מַאכְט אַ חוּרְבָּן פַאר׳ן עָתִיד.

קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ קִינְד אַ כִּתָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מוֹסָד, נִישְׁט הֶעצְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל רוּפְן דִי מְנַהֶלֶת זִיךְ אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן וֶוען עֶס שְׁטֶערְט אִיר עֶפֶּעס פוּן ׳בֵּית פֵיגָא׳ אוּן נִישְׁט מַאכְן אַ הֶעצֶערֵיי צְווישְׁן דִי עֶלְטֶערְן.

מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס אִיז שַׁיָיךְ, אוּן מִיר זֶענֶען גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס מֶען קֶען פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן אַז מֶען בַּאמֶערְקְט זַאכְן וָואס מֶען הַאלְט עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג - אִיז רִיכְטִיג צוּ קוּמֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת, אוּן אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אוּן מֶען שְׁפִּירְט נָאכְאַלְץ אַז זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט רִיכְטִיג - בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן גוּט, אָבֶּער אַז מֶען רוּפְט אָן דִי עֶלְטֶערְן אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן אוּן מֶען הֶעצְט אוֹיף דִי מוֹסָד - דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט רִיכְטִיג; עֶס מַאכְט קַאלְיֶע סַיי פַאר דִי מוֹסָד אוּן אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאצִיר, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי נִישְׁט קַארְג, גֶעבּ נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

הֲגַם מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט, אִיז וִויכְטִיג נָאכְאַמָאל צוּ דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט בַּאזוּנְדֶער גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דַיין קִינְד ..., זִי אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, זִי וַוארְט אַזוֹי פַּאר אַ גוּט וָוארְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

זַיי נִישְׁט קַארְג, גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער נָאךְ אוּן נָאךְ, וַוארְט נִישְׁט אַז אַ פְּרֶעמְדֶער זָאל קוּמֶען אוּן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט; דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט...

פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי קִינְדֶער; דִי גַאנְצֶע לֵיל הַסֵּדֶר, דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט - אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי קִינְדֶער, דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן אוּנְזֶערֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן זֶען וָואס אִיז חָשׁוּב; רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין מִצְוָה מִיט דֶעם וָואס דוּ נֶעמְסְט אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן צוּ דִיר אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב.

נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע און גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי אַרַיינְנֶעמֶען די עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב, זֵיי מַאכְן בַּאקְוֶועם, זֵיי גֶעבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר וְכוּ׳.

עֶס אִיז הַיינְט אַ וֶועלְט פוּן חֶסֶד, אַלֶע טוּעֶן חֶסֶד, אָבֶּער אַזַא חֶסֶד פוּן מְכַבֵּד זַיין די עֶלְטֶערְן - אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; דָאס אִיז פוּן די הֶעכְסְטֶע און שֶׁענְסְטֶע זַאכְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְמֶער אִיז דַיין וַוייבּ, אַז זִי טוּט מִיט דִיר דִי מִצְוָה, אַרַיינְנֶעמֶען אַ שְׁוֶוער און שְׁווִיגֶער, דָאס אִיז עֶפֶּעס מוֹרָא׳דִיג; עֶנְקֶער סֵדֶר וֶועט שַׁיינֶען אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**׳עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם׳, אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. דָאס גֵייט אָן אִין יֶעדְן דוֹר וָדוֹר; אוֹיבּ מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם צַדִיק, מֶען טוּט דִי עֵצוֹת, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקְל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק״**; מֶען בֶּעט און מֶען בֶּעט, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט מְצָרִים.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פֶּסַח בַּיים סֵדֶר וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִי תֵּירוּץ נָאךְ ׳מַה נִשְׁתַּנָּה׳ - הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער ׳עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם׳, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קְנֶעכְט צוּ פַּרְעֹה; זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ, דָאס אִיז אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת, ווַייל וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳עֲבָדַי הֵם, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים׳, ווִי נָאר מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט מֶען אָן לַיידְן, ׳וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח׳, ווִי מֶער מֶען חַזֶר׳ט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין אוּן מֶען הָאט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין דָא טַעַם גַן עֵדֶן, טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב.

...

**דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים סֵדֶר, אוּן דִי לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח בַּיים סֵדֶר זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט גְרוֹיס ׳דֶרֶךְ אֶרֶץ׳, רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה קוּמֶען אַרָאפּ אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן דַיינֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ״, אוּן וֶוען דוּ עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ״.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״אַז מֶען הַאלְט דִי מַצָּה אִין הַאנְט - הַאלְט מֶען גָאט אִין דִי הַאנְט״; בִּיסְטוּ דָאךְ אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֵויינֶען צוּ אִים, אוֹיסְבֶּעטְן דַיין שִׁידוּךְ.

בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, זָאג: ״בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַּאל אוּן אִיךְ פַּאל אָן אוֹיפְהֶער, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ״.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ כָּשֶׁרְ׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ זָאל מֶען טְרַאכְטְן נָאר פְרֵיילִיכֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, אוֹיף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. וַוייל בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ אִיז מֶען מְתַקֵּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין, בְּעִיקָר פְּגַם הַבְּרִית; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ זָאל מֶען טְרַאכְטְן נָאר פְרֵיילִיכֶע זַאכְן, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע סָארְט חוּמְרוֹת אוּן עִנְיָנִים וִוי מֶען קֶען מַאכְן בֶּעסֶער, וִוי מֶען קֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶער אִיד, אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז - מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים, אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מֶען הָאט דוֹרוֹת, מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ וִוי אַ קֶענִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בַּיים עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוַת זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה אוּן טְרַאכְטְן ׳אַ מְחַיֶּה אִיךְ בִּין אַ אִיד׳, ׳אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ אִידִישֶׁע דוֹרוֹת׳; נָאר טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן פְּגַם טִפֵּי הַמּוֹחִין, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת.

אַ כָּשֶׁרְ׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## וָואס הָאט דִי כְּזַיִת מָרוֹר מִיט פַּרְנָסָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח וֶוען מֶען עֶסְט דִי כְּזַיִת מָרוֹר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה״, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן לה): ״כְּזַיִת מָרוֹר שֶׁאוֹכְלִין בְּפֶסַח, מְסֻגָּל לְפַרְנָסָה״, דִי כְּזַיִת מָרוֹר וָואס מֶען עֶסְט פֶּסַח - אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.

מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט דִי כְּזַיִת מָרוֹר מִיט פַּרְנָסָה? אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר, וָואס עֶס וֶועט נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ אַלֶע מָרוֹר, אַלֶע בִּיטֶערְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט - 'וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן', דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נח), וֶוען מֶען וֶוערְט בְּכַעַס - פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה, אוּן אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ 'אֲפִילוּ עֶס וֶועט זַיין מְרִירוּת דִמְרִירוּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם טַעֲנוֹת אוֹיף אִים' - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## פֶּסַח אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַלֶעס פוּנֶעם לֵיל הַסֵּדֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דִי קִינְדֶער, פֶּסַח אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה.

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, ווִי אַזוֹי מֶען פְּרַאוֶועט דֶעם לֵיל הַסֵּדֶר - אַזוֹי וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, ווִיל אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט טוֹישְׁן דַיין מְהַלֵּךְ הַמַּחְשָׁבָה; בִּיז אַהֶער טְרַאכְסְטוּ אַז דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן זֶענֶען דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע אוּן דִי קִינְדֶער מַאכְן נֶערְוֶועז, יֶעצְט זָאלְסְטוּ מַאכְן פַארְקֶערְט, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע אוּן זָאלְסְט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דַארְפְן גֵיין אַרְבֶּעטְן, זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען עֶס וֶוערְט פִינְף אַזֵייגֶער אַז דוּ בִּיסְט בַּאפְרֵייט פוּן דִי צַייטְוֵוייליגֶע שְׁטוּתִים אוּן דוּ קֶענְסְט אַהֵיימְגֵיין צוּ חַיִים נִצְחִיִים, אוֹיפְשְׁטֶעלְן דוֹרוֹת נֶאֱמָנִים לַשֵּׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיינֶע דוֹרוֹת - זָאלְן דִיר זַיין דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ, בִּיסְט שׁוֹין גֶענוּג נָאכְגֶעלָאפְן דִי בְּהֵמוֹת (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), יֶעצְט פֶּסַח זָאלְסְטוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ זִיסֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּן צוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר׳ן יוֹם טוֹב.

...

### זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט אַלֶע אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַלֶע גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט אַלֶע אִידְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע מְצָרִים דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פֶּסַח אִיז דִי וֶוערְטֶער פֶּה-סָח, דִי מוֹיל שְׁמוּעֶסְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין בְּמַחְשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, דוּרְכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, פוּן אַלֶע צָרוֹת.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, גֵיי אַ קְלֵיינֶע שְׁפַּאצִיר אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִיר אוּן צוּ דִי תּוֹרָה״.

בְּרוּדֶער, דִי גַאנְצֶע טָאג וֶועט דִיר גֵיין אַנְדֶערְשׁ, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֶׁר׳ן יוֹם טוֹב.

...

**פֶּסַח בַּיי ״וַנִּצְעַק אֶל ה׳״, זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר, בַּיי דִי וֶוערְטֶער ״וַנִּצְעַק אֶל ה׳״, זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מַאךְ מִיר אַ נֵס, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם״**, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּ שְׁרַייעֶן בַּיי ׳וַנִּצְעַק׳ בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר זֵיי קַיין שׁוּם וֶועג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, אַזוֹי וֶועט זַיין בַּיי דִיר, עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן דֶער יַם אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר׳ן יוֹם טוֹב.

...

**פֶּסַח בַּיים סֵדֶר זָאלְן עֶנְק בֵּיידֶע בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

הַיינְט אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה בַּיי אַ בְּרִית, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען סַנְדָּק, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פַאר עֶנְק, עֶנְק זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

פֶּסַח בַּיים סֵדֶר זָאלְן עֶנְק בֵּיידֶע בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בֹּא, דַף מ:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּזַאם אַלֶע מַלְאָכִים אוּן זָאגְט זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי אִידִישֶׁע סֵדֶר נַאכְט, ״כְּדֵין כֻּלְּהוּ מִתְכַּנְּשִׁין, וְאַתְיָין

וּמִתְחַבְּרִין בַּהֲדַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל", און די מַלְאָכִים קוּמֶען מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער הֶערְן די סֵדֶר נַאכְט.

לֵיל הַסֵּדֶר אִיז אַ פַּאסִיגֶע צַייט צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, פַּארְמַאךְ זִיךְ די אוֹיגְן און זָאג: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם, גֶעבּ מִיר אַן אוּמְזִיסְטִיגֶער גֶעשַׁאנְק, לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, צַדִּיקִים, וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן די וֶועלְט".**

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן כַּמָּה פְּעָמִים, זִיךְ פַּארְמַאכְן די אוֹיגְן און שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט די לִיפְּן בֶּעטְן פַּאר קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן די גוּטֶע נַייֶעס.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען די וַוייבּ פַּארְלִירְט זִיךְ מִיט נֶערְוֶועזְקֵייט?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵויִיס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ, זִי שְׁרֵייט, זִי פַּארְלִירְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, זִי וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל נֶערְוֶועז און אַלֶע קִינְדֶער לַיידְן און אוֹיךְ דוּ, וְוייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, זָאלְסְט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען און נִישְׁט רוּפְן מִיט נֶעמֶען וָואס די מְטַפְּלִים (טֶערָאפִּיסְטְן) גֶעבְּן, נָאר רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר און אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער און אַסַאךְ לִיבְשַׁאפְט.

טַעְנָה'עֶן הֶעלְפְט נִישְׁט, טַעְנָה'עֶן מִיט אַ וַוייבּ אִיז די גְרֶעסְטֶע נַארִישְׁקֵייט, נִישְׁט נָאר עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, נָאר עֶס מַאכְט קַאלְיֶע, עֶס טוּט אִיר צֶעבְּרֶעכְן און דֶערְנִידֶערְן; די אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן - אִיז מִיט גוּטְן, מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער און מִיט שֵׁיינֶע וֵוייכֶע דִיבּוּרִים.

וֶוען זִי שְׁרֵייט אוֹיף די קִינְדֶער, זִי נוּצְט נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן פוּן דֶער זַייט און שְׁמֵייכְלֶען, נָאר זָאלְסְט אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם קַאמְפְּף, זָאלְסְט מִיט חָכְמָה זֶען אַז די קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן בִּיז די וֶועט

שְׁפִּירְן זִיכֶער, זִי וֶועט שְׁפִּירְן אַז זִי אִיז נִישְׁט אַלֵיין, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען אַלֶעס בַּארוּאִיגְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי הֶערְן דִי שַׁאנְד וֶוערְטֶער 'מְשׁוּגֶע'נֶער', 'צֶעדְרֵייטֶער', דָאס נֶעמְט זֵיי אַוֶועק דָאס זִיכֶערְקֵייט פוּן זֵייעֶר לֶעבְן, בִּיז זִי וֶועט פַארְשְׁטֵיין.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאג נִישְׁט פַאר דַיין וַוייבּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְטַפְּלִים נוּצְן, לְמָשָׁל, 'דוּ הָאסְט דִי אוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם'; דָאס טוּט נִישְׁט אוֹיף, דָאס מַאכְט נָאר אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, עֶס צֶעבְּרֶעכְט אִיר גֵייסְט, אוּן דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

דַיין וַוייבּ אִיז וואוֹיל אוּן טֵייעֶר, זִי דַארְף נָאר דַיין שְׁטַארְקְקֵייט, זִי דַארְף שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט מִיט אִיר, דוּ הַאלְסְט פוּן אִיר אוּן דוּ שֶׁעצְט אִיר.

עֶס נֶעמְט צַייט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, נָאר נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, וֶוען דוּ וֶועסְט אִיר אֱמֶת'דִיג לִיבּ הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אִיר לִיבּ הָאבְּן פַאר אֵיין סִיבָּה, נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט לִיבּ צוּ הָאבְּן אַ וַוייבּ - וֶועט זִי אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן רוּאִיג, זִי וֶועט מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט פַארְנַארְט בִּיז אַהֶער; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט, נִישְׁט דִיךְ אוּן נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט אָפְּנַארְן, פָאלְג מִיךְ וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר. מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ זַיין מִיט דַיין וַוייבּ אוֹיף אֵיין בְּלַאט, וֶוען זִי וֶוערְט נֶערְוֶועז - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן נֶערְוֶועז (זִיךְ מַאכְן), נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וַוייל דָאס מַאכְט נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט; צוּ זֶען וִוי זַאכְן טוּעֶן זִיךְ, קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אוּן דֶער מַאן זִיצְט אִין דֶער זַייט טוֹיבּ, שְׁטוּם, מִיט אַ צִינִישֶׁער שְׁמֵייכְל; אַזוֹי וֶועט זִי וֶוערְן אוֹיס נֶערְוֶועז אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט לַיידְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער; זָאלְסְט זֵיי זָאגְן אַסַאךְ מָאל 'דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד', זָאג פַאר יֶעדְן קִינְד פְּרִיוַואט 'דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט, אַזוֹי וואוֹיל, אוּן מֶען דַארְף פָאלְגְן מַאמִי, אוּן אַז מַאמִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי שְׁרֵייט אוּן זִידְלְט - דָאס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערֶע

אַרְבֶּעט, אָבֶּער דו בִּיסְט גוט און מַאמִי הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיב, און טַאטִי הָאט דִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ'.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם גְרוֹיסְן מֹחַ דָאקְטֶער, גֵיי אִינְדֶערְפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר און זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת**, דו גֶעבִּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְשְׁטַאנְד, בֶּעט אִיךְ דִיר, **חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ**, שֶׁענְק מִיר מִיט דַיין גְרוֹיס גֶענַאדֶע שֵׂכֶל און פַארְשְׁטַאנְד צו וִויסְן וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן מַיין וַוייבּ, זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פון יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט", גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ לִיבְּשַׁאפְט, דו זָאלְסְט זַיין אֵיינְס מִיט אִיר, און חַס וְשָׁלוֹם מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי מַתָּנָה פון בַּאשֶׁעפֶער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס. זַיי קְלוּג, גֶעבּ נִישְׁט אַוֶועק דַיינֶע טֶעג און יָארְן פַאר דִי בִּיזְנֶעס, קוּם אַהֵיים פְּרִי צו דַיין מִשְׁפָּחָה, לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. מֶען מַאכְט נִישְׁט מֶער גֶעלְט פון בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן יוֹמָם וָלַיְלָה, מֶען בְּלַייבְּט שְׁפֶּעטֶער אָן גָארְנִישְׁט, וַוייל דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען קֶען לוֹיפְן און קוּמֶען, אַרְבֶּעטְן און טון - גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, און דֶעמָאלְט זֶעט מֶען ווִי דִי וֶועלְט נַארְט יֶעדְן אֵיינֶעם.

קוּם אַהֵיים פְּרִי, פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, זַיי מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צַייט צו לֶערְנֶען און דַאוֶועֶנען, אַזוֹי וֶועסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, זְמַן חֵירוּתֵינוּ, אַ צַייט פון וֶוערְן פְרֵיי, דָאס קֶען זַיין נָאר אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵייסְט און מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת, יֶעדֶע זַאךְ אִיז עֶר, נִישְׁטָא קַיין רִיר וָואס פַּאסִירְט בְּטָעוּת, אַלֶעס אִיז עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען בַּאפְרֵייט, מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם, נִישְׁט דִי וַוייבּ אִיז שוּלְדִיג, נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט דֶער און נִישְׁט יֶענֶער.

בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם און בַּיי דִי מְטַפְּלִים (טֶערַאפִּיסְטְן) וָואס נֶעמֶען

זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אֵיינֶער לַיידְט זוּכְט מֶען וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, גֶעוֶועוְנְלִיךְ וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן - וֶועט מֶען גְלַייךְ לֵייגְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת וֶוען מֶען גֵייט מִיט אֱמוּנָה, מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן - דַארְף מֶען אִים נָאר צוּבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גוּט.

בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּ אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ, מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע פְלֶעקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

כַאפּ אַריין אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער. מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אוֹיס דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע פְלֶעקְן וָואס בְּלַייבְּט אַיינְגֶעזַאפְּט אוּן עֶס קוּמְט בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קוּמְט אַלֶעס אַרוֹיס.

רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, וַוייל אַסַאךְ צָרוֹת קוּמֶען וֶועגְן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ה): "חָמוּר הָאוֹמֵר בְּפִיו מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה", רֶעדְן שְׁמוּצִיג אִיז עֶרְגֶער וִוי טוּן, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִין זְכוּת פוּן נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, וֶועט עֶס זַיין גֶעזוּנְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בִּזְכוּת וָואס אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ נִישְׁט לֵייגְן נֶעגְל פַּאלִישׁ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר וֶועט הָאבְּן שֵׁיינֶע גֶעזוּנְטֶע נֶעגְל אוּן דִי נֶעגְל וָואס הָאט גֶעהַאט דִי אִינְפֶּעקְשָׁאן אוּן עֶס הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צֶעבְּרֶעכְן - וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן וֶוערְן צוּרִיק אַ גֶעזוּנְטֶע נֶעגְל.

מֶען פַארְדִינְט נָאר אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק, אוּן אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּיי דִי בַּר מִצְוָה וֶוערְט מֶען ווִי נֵיי גֶעבּוֹירְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה! דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, צח.) דָוִד הַמֶּלֶךְ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר - הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶוערְט אַ זוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דִי טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ב, ז): "ה׳ אָמַר אֵלַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט "בְּנִי אַתָּה", דוּ בִּיסְט מַיין זוּן, "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", הַיינְט וֶוערְסְטוּ נֵיי גֶעבּוֹירְן, הַיינְט בַּאקוּמְסְטוּ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ג), וֶוען עֶר הָאט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים אֶפְרַיִם פוּן סִידִילְקוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם, דֶעם רֶבִּינְ׳ס פֶּעטֶער. עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): "אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער וָואס זַיין

פֶּעטֶער הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט - אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַזוֹי טֵייעֶר, מַמָּשׁ ווי אֵיינֶער טְרֶעפְט אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר; עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיס חִיזוּק, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר: "אִיךְ הָאבּ דִיר הַיינְט גֶעבּוֹירְן, דוּ בִּיסְט מַיין קִינְד".

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ בַּארִימֶען בַּיי דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים אַז אִין יַבְנְאֵל הָאט עֶר אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן צוּ דִי בַּר מִצְוָה מִיטְן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, מִיר פְלֶעגְן דָאס אַזוֹי מְקַנֵא זַיין, מִיר פְלֶעגְן מִתְפַּלֵל זַיין וֶוען וֶועלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ הָאבְּן אַזַא זַאךְ, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן גֵיין צוּ דִי בַּר מִצְוָה מִיטְן עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן יֶעצְט - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הַאלְטְן מִיר דָא, אַז נָאךְ אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה גֵייט צוּ דִי בַּר מִצְוָה מִיטְן עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ"ס.

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, נָאר עֶרְלִיכֶע בָּחוּרִים. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כ): "הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם", דֶער וָואס גֵייט צוּם חָכָם וֶוערְט אַ חָכָם, "וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ", אוּן דֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - וֶוערְט אַ נַאר; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לְכָבוֹד דַיין בַּר מִצְוָה נֶעם זִיךְ נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, חֲבֵרִים וָואס לֶעבְן מִיטְן רֶבִּי'ן, חֲבֵרִים וָואס אָטֶעמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; וַוייל אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ) אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן גוּטֶע בְּשָׂמִים (פֶּערְפְיוּם), אֲפִילוּ עֶר קוֹיפְט נִישְׁט קַיין בְּשָׂמִים - קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין אִים אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער אַ גוּטֶע שְׁמֶעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְץ וָואס זֵיי טוּעֶן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ.

זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְץ דָאס וָואס דַיין מַאמֶע גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער. זִי דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט אִיר, זִי זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַחַץ פוּן וָואס זִי טוּט, וִוי זִי פִירְט זִיךְ; זִי זָאל טוּן וָואס אִיר פְלִיכְט אִיז, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן.

עֶנְק דַארְפְן וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, סַיי דַיין טַאטֶע אוּן סַיי דַיין מַאמֶע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן אַז דַיין מַאמֶע גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער דִי זַאךְ וְכוּ׳, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט מִיט אֵיינֶעם הַשֵׁם יְרַחֵם - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט עֶנְק, דָאס אִיז נִישְׁט עֶנְקֶער אַחְרַיוּת; זָאלְן עֶנְק נִישְׁט אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר חַס וְשָׁלוֹם נָאר וַוייטֶער טוּן רְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי טָאכְטֶער וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן פִירְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן אַייעֶר מַאמֶע.

זִי שְׁרַייבְּט וִוי זִי שֶׁעפְּט נַחַת פוּן אַייךְ אוּן פוּן אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער, וִוי עֶנְק זֶענֶען אִיר מְכַבֵּד, וִוי עֶנְק רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר; זִי זָאגְט זִי אִיז זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט מִיט אַייךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן, וִוי אַ מַאמֶע שְׁרַייבְּט אַז אִיר טָאכְטֶער וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן פִירְט זִיךְ צוּ אִיר אַזוֹי שֵׁיין, מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז מֶען זָאגְט דִי מַאמֶע זָאל זִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן מֶען הֶעלְפְּט בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת.

עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז - אִיז ווָאוּנְדֶערְלִיךְ, וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער - וֶוערְט אַ בַּעַל דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן בִּפְרַט צוּ דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה הַיינְט אִיז דִי חִיזּוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

זַיי מְחַזֵּק ... עֶר זָאל וַוייטֶער מְתַרְגֵּם זַיין דִי חִיזּוּק יוֹמִי; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאָרְשְׁטֶעלְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי קוּרְצֶע שִׁיעוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן וֶוען עֶס פְלֶעגְט זַיין חִיזּוּק יוֹמִי מְתּוּרְגָם אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ

פְלֶעגְן זִיךְ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן מְחַיֶ' זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין, אַ שָׁאד אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אָן וַוייטֶער טָאג טֶעגְלִיךְ.

דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה וָואס אִיז הַיינְט דָא אִיז דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתוּרְגָם אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק יֶעדְן טָאג; וִויפִיל דִי מֵפִיצִים גֵייעֶן מִיט דִי סְפָרִים, מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת - קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן צוּ אֵיין טָאג חִיזוּק יוֹמִי הַמְתוּרְגָם, אַזַא הֲפָצָה אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען; אִיז אַ שָׁאד דָאס זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן.

טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דָאס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, אוּן אַדְרַבָּה, דָאס זָאל וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּקְוָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי חִלוּל שַׁבָּת, דַארְפְּסְטוּ טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אוֹיבּ עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי חִלוּל שַׁבָּת, דַיין וַוייבּ נוּצְט אִיר טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז שׁוֹין גָאר בִּיטֶער, דַארְפְּסְטוּ טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ רַאטֶעוֶוען דַיין שְׁטוּבּ.

זָאלְסְט נָאר גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז זִי אַ גוּטֶע נְשָׁמָה נָאר דִי קְלִיפּוֹת ווִילְן אִיר פַארְכַאפְּן; דִי טוּמְאָה פוּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶס מַאכְט חָרוּב אַלֶעס.

זָאלְסְטוּ שַׁבָּת זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט אִיר אוֹיפְלֶעבְן אוּן אוֹיסְרִימֶען אוּן נִישְׁט נָאכְזוּכְן וְכוּ', נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ פַארְטְרַייבְּן דִי קְלִיפּוֹת פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶּעלְד הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, לֵייג אַרַיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין מַיין וַוייבּ, זִי זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי מָאוִויס, זִי זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי סְמַארְטְפָאוֹן, זִי זָאל לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, זִי זָאל הִיטְן דִי תּוֹרָה, שַׁבָּת אוּן אַלֶעס.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע גֵיין אִין דִי תּוֹרָה וֶועג".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, וַוייל נָאר אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיבּ דִי מִנְהָגִים שְׁטֶערְן פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר

פֶּסַח זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה; אוּן אַז דִי מִנְהָגִים שְׁטֶערְן דִיר פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פַארְלֵייגְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין.

פֶּסַח וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דָאס גֶעוֶוען פוּן שִׂמְחָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אִידְן שִׂמְחָה אוּן אַרוֹיסְגֶערִיסְן דִי עַצְבוּת וָואס פַּרְעֹה הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט. זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נָאר אוֹיף דִי אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן אַז דוּ עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, דוּ עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ,

און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לָאזְן דִי סְפֵיקוֹת, בִּלְבּוּלִים, מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת - וָואס קוּמְט פוּן חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וַוייבּ און דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן מִיט מָרוֹר דִמְרִירוּת, לוֹיפְן זֵיי אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

פֶּסַח זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ כַּעַס וָואס דָאס אִיז עֶכְטֶע חָמֵץ, זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן כַּעַס, וַוייל דִי קִינְדֶער - וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז יוֹם טוֹב קוּמְט מִיט נֶערְוְון, און מִצְוֹת קוּמְט מִיט קוֹלוֹת און בִּזְיוֹנוֹת, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער - דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג.

לֵיידֶער אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים און אֲפִילוּ עֶלְטֶערֶע - הָאבְּן בַּאקוּמֶען פֶּסַח מָרוֹר דִמְרִירוּת, און זֵיי וֶוערְן יֶעדֶע יָאר פֶּסַח פוּן פְרִישׁ צֶערוּדֶערְט, זֵיי לוֹיפְן אַוֶועק, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פֶּסַח אֵיין זַאךְ טוּן, נָאר שְׁמֵייכְלֶען, זִינְגֶען און טַאנְצְן אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר הָאבְּן דִי תּוֹרָה און מִצְוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### זָאגְן הַלֵּל הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

פֶּסַח וֶוען דוּ זָאגְסְט הַלֵּל זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן אוֹיפְן קוֹל, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה,

סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל", דוּרְךְ זָאגְן זֵייעֶר הוֹיךְ הַלֵּל, "זוֹכִים", אִיז מֶען זוֹכֶה, "לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ".

אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע פַּיינְט. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל", דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל, "יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן פוּן דִי פַּיינְט; וַוייל דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁען קַיין שְׁלֶעכְטְס.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל", עֶר הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן בְּלָאטֶע, "מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן", וואוּ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען? וואוּ בִּין אִיךְ גֶעלֶעגְן? אִין דִי מִיסְט, אִין דִי טוּמְאָה, "לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים", הַיינְט בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, זִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי צַדִּיקִים, "הַהֹפְכִי הַצּוּר", מַיין פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט "אֲגַם מַיִם" - צוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**זַיי מַקְפִּיד יֶעדְן טָאג צוּ טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט דִי קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח וֶוען מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצּוֹת - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר רוּפְט אָן דִי מִצְוַת "מֵיכְלָא דְאָסוּתָא", עֶסְן וָואס הֵיילְט (פָּרְשַׁת בֹּא, מא.), אוֹיךְ מִיטְן נָאמֶען "מֵיכְלָא דִּמְהֵימָנוּתָא", עֶסְן וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה (פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:); בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב - זָאלְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת, זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ, אוֹיךְ דַיינֶע דוֹרוֹת.

זַיי מַקְפִּיד יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים צוּ טַאנְצְן אַ קַאדַאטְשְׁקֶע, צִינְד אָן הוֹיךְ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין", אוּן טַאנְץ אַ קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט הֶעלְפְן פַאר אַ גֶעזוּנְטֶע גֵייסְט, אַ רוּאִיגֶע נֶפֶשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מִצְוַת פַאר הַכָּרַת הַטּוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ר' ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שִׁיק דִיר פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מִצְוַת פַאר הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

## זָאג אַ מִשְׁנָה נָאךְ אַ מִשְׁנָה, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַּאק זִיךְ אַיין אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, נֶעם עֶס מִיט דִיר מִיט, וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ הַאלְטְן מִיט דִיר דִי קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ מִשְׁנָה נָאךְ אַ מִשְׁנָה, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי חַטְאוֹת נְעוּרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה – עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא

אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

הַיינְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, קוּם זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי זִיסֶע וַואסֶער וָואס קְוֶועלְט פוּן רֶבִּינְ'ס קְוַואל.

דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ גֵיי זַיין אַ שַׁבָּת מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט פַּאר דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה



## אִיךְ בְּלַייב גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶן

אָדְל די צַדֶיקֶת גְרֵייט אָן דֶעם שֵׁיינֶעם סֵדֶר נַאכְט פַאר אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי דַאנְקֶט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר די גְרוֹיסֶע נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט, וִוי פוּן הִימְל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי פָּאר-פָּאלְק פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד מִיט אַלֶע עֶסְן פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אִין שׁוּל, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָארְגְט גָארְנִישְׁט פוּן וואו עֶר וֶועט הָאבְּן מַצּוֹת אוּן עֶסְן פַארְן סֵדֶר נַאכְט, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן. דֶער צַדִיק גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'עֶן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶוענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִינְגְט עֶר הַלֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קוּמְט אָן צוּם הֶקְדֵשׁ, די שְׁטוּב וואו עֶר הַאלְט זִיךְ אוֹיף אִין אִיסְטַאנְבּוּל. מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם סֵדֶר, אָדְל מִיט רֶבִּי צְבִי זִיצְן בַּיים סֵדֶר אִינְאֵיינֶעם מִיטְן

בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיךְ הָאט אָדְל אַיינְגֶעלַיידְנְט דִי פָּאר-פָּאלְק זָאלְן זַיין בַּיים סֵדֶר.

בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ שְׁמֵייכְלְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ זַיין טָאכְטֶער אוּן פְרֶעגְט: "טָאכְטֶער לֶעבְּן, וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַצּוֹת, וַויין, מִיט אַלֶע גוּטֶע עֶסְן?" אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, דִי פָּאר-פָּאלְק, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצֶע סֵדֶר, זֵיי ווִילְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ קִינְד. שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג, בִּיז אַ יָאר וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד".

עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן וַוייס ווִי



"וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!"

קַאלֶעך, עֶר זֶעט אוֹיס זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. מֶען הָאט אִים יֶעצְט מוֹדִיעַ גֶעוֶועְן פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, זַיין גַאנְצֶע גַן עֵדֶן. וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ גְזֵירָה אַז דִי פָּאר-פָּאלְק וֶועט קַיין קִינְדֶער נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי פָּארְפָאלְק אַ קִינְד - וֶועט מֶען מוּזְן גֶעבְּן אַ קִינְד, וַוייל אַ צַדִיק קֶען מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירוֹת; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי בְּלַאס, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין גַן עֵדֶן.

"וֶועל אִיך דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!" שְׁרֵייט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אִיך בְּלַייבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי, אִיך וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעך, מִיר לֶערְנֶען זִיך פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זַיין גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אַז מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גַן עֵדֶן - זָאל מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים וַוייטֶער דִינֶען.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אִיך דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס, נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס".

# גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁטוּרֶעם

"רַ-א-טֶ-ע-וֶ-ו-ע-ט...!!! דִי שִׁיף גֵייט כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען...!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע.

דִי שִׁיף שְׁפְּרִינְגְט אִין וַואסֶער אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן צוּרִיק אַרָאפּ אִין וַואסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְן שִׁיף מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן טָאכְטֶער אָדְל, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִים בֶּן עֶטֶר, דֶער הֵיילִיגֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִינְאֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְן יָם, דֶער שִׁיף גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ וִויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם צַדִיק, עֶר וִויל נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַאר אָדְל: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וַוארְף אִיךְ אַרַיין אִין וַואסֶער אַלֶע מַיינֶע כְּתָבִים, מַיינֶע תּוֹרוֹת, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שְׁטוּרֶעם אָפְּשְׁטֶעלְן, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַלֶע דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן"; דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר אָדְל: "אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, וֶועט זִיכֶער פַּאסִירְן מִיט דִיר אַ נֵס, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ - מִיט מַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה - אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן".



דִי שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט

אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, וַוארְף אַרַיין דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִין וַואסֶער אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן, וַוייל פוּן מִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַן אֵיינִיקְל וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה".

(גֶעמֵיינְט הָאט זִי מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אַ טָאכְטֶער פוּן אָדְל, וָואס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק).

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּן זַיינֶע כְּתָבִים אוּן זֵיי אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן גְלַייךְ הָאט דִי שְׁטוּרֶעם נָאכְגֶעלָאזְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי ווִילְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, אוּן וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט זֵיי שְׁטֶערְן, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

# דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי א' ב'

"רַאטֶעוֶועט...! רַאטֶעוֶועט...! דֶער רֶבִּי זָאל עֶפֶּעס טוּן, מֶען גֵייט אוּנְז כִּמְעַט הַרְגְ'עֶנֶען!"

אַלֶע לִיגְן גֶעבִּינְדְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן דִי צַדֶיקֶת אָדְל; אַ בַּאנְדֶע יַם רוֹיבֶּערְס הָאבְּן בַּאפַאלְן דִי שִׁיף פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען נִישְׁט פָּשׁוּטְ'ע רוֹיבֶּערְס וָואס זוּכְן גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁרֶעקְעדִיגֶע גְרוּפֶּע מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶערְס, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶסְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע רוֹצְחִים.

דֶער תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינְט, עֶר זָאגְט: "רֶבִּי טוּט עֶפֶּעס, רֶבִּי מַאכְט אַ נֵס". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט", אָדְל צוּאֵויינְט זִיךְ, זִי זָאגְט: "טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע אוּנְז, דִי רוֹיבֶּערְס גֵייעֶן אוּנְז שֶׁחְטְ'ן אוּן אוּנְז אוֹיפְעֶסְן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אִיךְ דֶענְק גָארְנִישְׁט"; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב לִיגְט גֶעבִּינְדְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, עֶר קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, עֶר גְלַייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אֶפְשָׁר דֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א' ב'" - עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אוֹיבּ אַזוֹי, הוֹיבּ אָן זָאגְן אַן אוֹת נָאךְ אַן אוֹת, אִין אַ רַייעֶ פוּן דִי א' ב', אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְזָאגְן".




איךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א׳ ב׳

"א... ב... ג... ד..." דֶער תַּלְמִיד שְׁרַייט דִי אוֹתִיוֹת אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טָב זָאגְט נָאךְ אוֹת בַּיי אוֹת... "ח... ט... י..."; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אוֹתִיוֹת הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם זִיךְ אַלֶעס דֶערְמַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מֶען הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט וִוי שִׁיפְן פַּייפְן; דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן – קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי א׳ ב׳; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אֱ׳מוּנָה אִין דִיר, בִּ׳טָחוֹן אִין דִיר, גְ׳לֵייבְן אִין דִיר, דַ׳אוֶועגֶען צוּ דִיר, הָ׳אפְן צוּ דִיר" – אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בס"ד





# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457269664